## 42. אַ מעשׂה פֿון אַ געשײַטן גנבֿ

עס איז אַ מאָל געווען אַ קייסער, האָט ער געהאַט דרײַ זין: צוויי קלוגע און איינעם אַ נאַר. האָט ער זיי אַוועקגעשיקט לערנען אין אַן אַנדער מדינה. נו, זײַנען זיי אָפּגעווען אין דער פֿרעמד דרײַ יאָר און דערנאָך געקומען צוריק אַהיים. איז אָבער דער קייסער זייער טשיקאַווע געווען צו דערגיין, צי זײַנע דרײַ בנים האָבן עפּעס אַ פּעולה געטאָן אין לערנען, האָט ער גערופֿן זײַן עלטסטן זון אַף אַ שפּאַציר. נו, זײַנען זיי געגאַנגען, גערעדט, געשמועסט און – גאָרנישט. „מילא, האָט זיך דער קייסער געטראַכט, איז ער נישט אַזאַ חכם, ווי כ'האָב געמיינט". דערנאָך האָט ער גערופֿן דעם צווייטן זון אַף אַ שפּאַציר. נו, זײַנען זיי געגאַנגען, גערעדט, געשמועסט און – ווידער גאָרנישט. ער האָט שוין געזען, אַז דער צווייטער איז אויך נישט אַזאַ קלוגער. דערפֿאַר האָט ער שוין זײַן דריטן זון, דעם נאַר, גאָרנישט געוואָלט אָנקוקן. אָבער דער נאַר האָט נישט געוואַרט אַף דרך־ארץ. געזען, אַז דער פֿאָטער רופֿט אים נישט, איז ער אַליין צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט: „טאַטע, איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן". האָט שוין דער קייסער אים נישט געקאָנט פֿאַרשעמען, איז ער מיט אים געגאַנגען שפּאַצירן. זײַנען זיי געגאַנגען, גערעדט, געשמועסט פֿון כּלערליי זאַכן. און וואָס מער זיי האָבן גערעדט און וואָס מער זיי האָבן געשמועסט, אַלץ מער האָט דער קייסער געזען, אַז זײַן מיזיניק איז גאָרנישט אַזאַ נאַר, ווי ער האָט אַפֿריִער געמיינט. „אָט דער וועט טאַקע קאָנען פֿירן די מלוכה נאָך מײַן טויט", האָט זיך דער קייסער

געטראַכט, און אַזוי האָט ער טאַקע איַינגעשריבן אין זיַין צוואה, אָבער קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט.

אַז דער קייסער איז געשטאָרבן, האָבן זיַינע ביידע עלטסטע זין געעפנט די צוואה, און אַז זיי האָבן אַ קוק געטאָן, וואָס עס שטייט דאָרט פאַרשריבן, איז זיי פשוט פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָבער זיי האָבן קיינעם גאָרנישט דערציילט, נאָר גלייַך געשיקט רופן זייער יינגערן ברודער, און אַז ער איז געקומען, זאָגן זיי צו אים אַזוי: „הער זיך איַין, די מעשה דערפון איז אַזוי און אַזוי, מיר ווילן דיר נישט האָבן אין אונדזער מדינה. נעם די פיס אַף די פלייצעס, און – מאַרש פון דאַנען!“ דערהערט אַזעלכע דיבורים, הייבט ער אָן צו טענהן: „סטייַטש, וואָס האָט איר צו מיר? וואָס האָב איך איַיך אַזוינס געטאָן?“–„שווייַג! האָבן די ברידער אַ געשריי געטאָן, אַז דו וועסט נישט שווייַגן, וועסטו ערגער מאַכן!“ און זיי נעמען אים און זיי פירן אים צו צום טויער און זאָגן: „אָט האָסטו דיר אַ זאַק מיט גאָלד מיט אַ גוטן פערד דערצו. נעם און פאָר, – הייַדאַ!“ האָט ער שוין מער גאָרנישט ניט געזאָגט, צוגענומען דעם זאַק מיט די גאָלדענע רענדלעך, זיך אַרופגעזעצט אַפן פערד און אַוועקגעריטן. איז ער געריטן און געריטן, ביז ער איז צו־געקומען צו אַ גרויסן וואַלד. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּ פון פערד און גענומען גיין טיפער אין וואַלד אַריַין, זוכן אַן אָרט, ווו איבערצונעכטיקן. פלוצלינג דערהערט ער עפעס אַ מאָדנעם גערויש, א טומל און אַ קלינגערייַ פון אַ סך געווער. ער קוקט זיך אַרום, דערזעט ער, ווי עס קומט אָן אַ באַנדע גזלנים, אפשר אַ שטיק צוועלף, און אַלע זיַינען זיי באַהאַנגען מיט געווער פון קאָפּ ביז די פיס. און איידער ער האָט צייַט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, וואָס מע טוט, האָט איינער שוין אַ געשריי געטאָן: „שטיי! ווער בינסטע, וואָס טראָגסטו דאָ אין זאַק?“ דער געשייַטער פרינץ האָט זיך אָבער געמאַכט, ווי ער וואָלט געוועזן פון זייער חברה: „כ׳בין אַ גנב, זאָגט ער, אַ סימן האָט איר דעם זאַק מיט גאָלדענע רענדלעך וואָס כ׳האָב אָקערשט אַרויסגעלאַטכנט פונעם קייסערס אוצר“. זיַינען

די גזלנים באַלד צוגעפֿאַלן צום זאַק, אופֿגעשניטן אים מיט זייערע קינזשאַלן, און ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַ סך בלישטשנדיקע רענדלעך. אַז דער עלטסטער פֿון די גזלנים האָט דאָס דערזען, זאָגט ער צו אים: „יע, איך זע טאַקע, אַז דו ביסט אַ גנבֿ און איינער פֿון אונדזער חבֿרה, נאָר פֿון דעסט וועגן ווילן מיר דיר שטעלן אַף נאָך אַ פּראָבע: אויב דו וועסט אונדז דאָ אַפֿן אָרט קענען באַווײַזן נאָך עפּעס אַזאַ גנבֿישע קונצשטיק, איז גוט, -- ווילן מיר דיר צוריקגעבן די גאָלדענע רענדלעך מיטן פֿערד און דיר לאָזן פֿרײַ. נאָר אויב נישט – מאַכן מיר דיר שוין מיט אַ קאָפּ קירצער.“

דערווײַל האָבן זיי דערזען, ווי אַפֿן וועג פֿאָרט אַ פּויער מיט זײַן פֿערד און וועגעלע און פֿירט אַ קאַלב צו פֿאַרקויפֿן אַפֿן יריד. „אַנו, זאָגט דער עלטסטער צו אים, איצטער באַווײַז אַ גנבֿישע קונצשטיק: אָט נעם און לאַטכן אַוועק בײַם פּויער זײַן פֿערד און וועגעלע, מיט דער קאַלב און מיט די זאַכן וואָס ער טראָגט אַף זיך, נאָר הרגענען זאָלסטו אים נישט!“ -- „גוט, איך נעם זיך אונטער“, זאָגט דער פּרינץ. און ער לויפֿט אַרויס פֿון וואַלד, כאַפּט אַראָפּ פֿון פֿוס אַ שטיוול, וואַרפֿט אים אַוועק אַפֿן מיטן וועג, און אַליין באַהאַלט ער זיך הינטער אַ בוים. דער פּויער פֿאָרט פֿאַרבײַ, זעט ער, ווי אַפֿן וועג ליגט עפּעס אַ שיינער שטיוול. טראַכט ער זיך: „מסתמא האָט עס אַ פּאַניטש פֿאַרלאָרן. נאָר איין שטיוועלע, וואָס קאָן איך מאַכן דערמיט?“ און ער פֿאָרט ווײַטער. אַז דער פּויער איז אַוועק, לויפֿט ער אַרויס פֿון וואַלד, כאַפּט דעם שטיוול און לויפֿט פֿאָרויס אַ האַלבן וויאָרסט, גיט ווידער אַ וואָרף דעם שטיוול אַפֿן מיטן וועג און באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים. דער פּויער פֿאָרט פֿאַרבײַ, זעט ער ווידער, ס׳ליגט עפּעס נאָך אַ שטיוול. טראַכט ער זיך: „ס׳אַר אַ פּויערשע קאָפּ איך בין – דער שטיוועלע און יענער שטיוועלע זײַנען דאָך צוזאַמען אַ פּאָר שטיוועלעך! דאַרף מען זיך טאַקע נישט פֿוילן און גיין אופֿהייבן יענעם שטיוועלע“. קריכט ער אַראָפּ פֿון וועגעלע און גייט זוכן דעם אַנדערן שטיוול. אָבער ווי נאָר דער פּויער איז אַוועק, לויפֿט דער פּרינץ אַרויס פֿון

זײַן באַהעלטעניש, כאַפּט אַראָפּ די קאַלב פֿון װעגעלע, פֿירט איר אַװעק נישט װײַט לעבן אַ טײַכל, האַקט איר אַראָפּ די קאָפּ און לאָזט איר שװימען אױפֿן װאַסער, און אַלײן נעמט ער די קאַלב אױפֿן פּלײצע, גײט אַװעק אין װאַלד און באַהאַלט זיך. דער פּויער האָט דערװײַלע געזוכט דעם שטיװל און נישט געקאָנט געפֿינען, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זײַן פֿערד און װעגעלע. ער גײט צו, ער גיט אַ קוק – די קאַלב איז ניטאָ! מילא, לויפֿט ער שוין זוכן די קאַלב. לויפֿט ער אַהין, לויפֿט ער אַהער, זוכט ער דאָ, זוכט ער דאָרט – די קאַלב איז ניטאָ! דערװײַלע איז ער אַזױ זיך צוגעגאַנגען צום טײַכל. ער גיט אַ קוק אױפֿן װאַסער, דערזעט ער די קאָפּ פֿון זײַן קאַלב, און אָט־אָט דערטרינקט זי זיך. טראַכט ער ניט קײן סך, טוט אויס אַף גיך זײַנע זאַכן און לאָזט זיך שװימען אין טײַכל צו ראַטעװען די קאַלב. אַז דער געשײַטער יונג האָט דאָס דערזען, איז ער אַרױס פֿון װאַלד, צוגעכאַפּט דעם פּויערס בגדים, אַרױפֿגעװאָרפֿן די קאַלב אױפֿן װעגעלע און צוגעפֿאָרן צוריק צו די גזלנים. און װי נאָר זײ האָבן אים דערזען מיט די אַלע זאַכן װאָס ער האָט אַזױ קונציק צוגעלאַטכנט, האָבן זײ געמאַכט פֿאַר אים אַ גרױסע װאַרע און האָבן געשריִען: „הוראַ, הוראַ פֿאַר דעם געשײַטן גנבֿ!“ און האָבן אים אָפּגעגעבן גרױס כּבֿוד. דערנאָכדעם האָט אים דער עלטסטער פֿון די גזלנים צוריק אָפּגעגעבן זײַן זאַק מיט די גאָלדענע רענדלעך מיטן פֿערד, און ער האָט זיך מיט זײ אָפּגעזעגנט און איז אַװעקגעפֿאָרן.

איז ער געפֿאָרן און געפֿאָרן, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ גרױסער שטאָט פֿון אַ פֿרעמדער מדינה און האָט דאָרט געלעבט אַ גוטן טאָג. נאָר אײן מאָל כאַפּט ער זיך צום זעקל, ער גיט אַ קוק – עס טאָגט שױן! ס'איז שױן געבליבן בלויז אַ פּאָר רענדלעך. „אײַ שלעכט! טראַכט ער זיך, און װאָס טוט מען װײַטער?“ איז ער אַרױס אין גאַס און גענומען אַרומקוקן זיך, אפֿשר װעט זיך עפּעס מאַכן. דערזעט ער, װי עס סטראָיעט זיך עפּעס אַ װוּנדערלעכער בנין. פֿרעגט ער בײַ די מענטשן: „װאָס

סטראַיעט זיך דאָ?" ענטפערט מען אים: „דאָ סטראַיעט זיך דעם קייסערס פּאַלעץ, און דאָ וועט אויך זײַן דער שאַצקאַמער, ווו עס וועלן ליגן די אוצרות פון דער מלוכה". איז דאָס אים אַרײַן אין גאַז, „ס'וועט שוין זײַן אַ פאַרדינסטל", טראַכט ער זיך, און האָט גענומען זוכן אַ פאָרטל, ווי אַזוי צו באַגגבענען דעם קייסערס אוצרות. האָט ער אויפגעזוכט דעם פּאָדריאַטשיק וואָס האָט געבויט דעם פּאַלעץ און איז געוואָרן מיט אים אַ גוטער ברודער, געטרונקען מיט אים, געהוליעט און געשפּילט אין קאָרטן. אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צײַט. נאָר איין מאָל גיט ער אַ זאָג צום פּאָדריאַטשיק: „דו ווייסט, איך האָב אַ טײַערן פּלאַן, פון וואָס מיר קאָנען ביידע רײַך ווערן". פרעגט אים יענער: „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַן?" זאָגט ער צו אים: „דער פּלאַן איז אַ פּשוטער: אַזוי ווי דו סטראָיעסט איצט דעם קייסערס פּאַלעץ, ווו ס'וועלן ליגן אוצרות, זאָלסטו בעת־מעשה איין שטיין אין וואַנט נישט פאַרמויערן, נאָר אַזוי אַרײַנשטעלן, מע זאָל אים דערנאָך קאָנען גרינג אַרויסנעמען. אַף אַזאַ אופן וועלן מיר קאָנען אַרײַן אינעווייניק, ווען מיר וועלן נאָר וועלן, און אַרויסנעמען פון דאָרטן גאָלד און זילבער און בריליאַנטן, וויפל די האַרץ וועט געלוסטן, און קיינער וועט דערפון נישט וויסן." איז דאָס דעם פּאָדריאַטשיק זייער געפעלן געוואָרן. זאָגט ער: „גוט, דער געשעפט איז אָפּגעמאַכט, נאָר דערווײַלע קלײַב זיך אַרײַן צו מיר אין הויז און וואַרט, ביז דער בינין וועט פאַרטיק ווערן". האָט ער אַזוי געטאָן.

אַז דער פּאַלעץ איז פאַרטיק געוואָרן, זײַנען זיי איין מאָל אין אַ פינצטערער נאַכט אַוועק אַהינצו, האָבן אַרויסגענומען דעם שטיין פון וואַנט, דורך וואַנען מ'האָט געקאָנט אַרײַן אין שאַצקאַמער. נאָר אַפריִער האָבן זיי געוואָרפן גורל, ווער עס זאָל דער ערשטער אַרײַן. איז דער גורל געפאַלן אַפן פרינץ. איז ער אַרײַן און אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט גאָלד און בריליאַנטן און אַרויס צוריק. דערנאָך האָבן זיי צוריק אַרײַנגעשטעלט דעם שטיין אין וואַנט, אַז מ'אָט גאָרנישט געקאָנט דערקאָנען, און זײַנען אַוועק

אַהיים. אַזוי האָבן זיי געטאָן אַ לאַנגע צײַט. איין מאָל האָט זיך אָבער דער שאַצמײַסטער געכאַפּט, אַז עס פֿעלן אוצרות, האָט ער דאָס געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער אַראָפּגעקומען מיט זײַן גאַנצער סוויטע. האָבן זיי אַלץ באַקוקט, באַטראַכט און זיך געוווּנדערט: „דאַכט זיך אַלע טירן פֿאַרמאַכט, אַלע שלעסער פֿאַרשלאָסן? נאָר אוצרות פֿעלן!“ האָט דער קייסער געהייסן אַרעסטירן דעם שאַצמײַסטער. אין אַ חודש אַרום האָט דער צווייטער שאַצמײַסטער זיך געכאַפּט, אַז עס פֿעלן אוצרות, האָט ער דאָס געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער ווידער אַראָפּגעקומען מיט זײַן גאַנצער סוויטע. האָבן זיי אַלץ באַקוקט, באַטראַכט און זיך געוווּנדערט: „דאַכט זיך אַלע טירן פֿאַרמאַכט, אַלע שלעסער פֿאַרשלאָסן? נאָר אוצרות פֿעלן!“ האָט דער קייסער געהייסן אַרעסטירן דעם צווייטן שאַצמײַסטער. אין אַ חודש אַרום — ווידער די אייגענע מעשׂה: עס פֿעלן אוצרות. מילא, האָט דער קייסער שוין געזען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אַז אין דעם שטעקט עפּעס אַ קונצשטיק פֿון אַ געשײַטן גנבֿ. האָט ער פֿאַררופֿן אַף אַן אַסיפֿה זײַנע מיניסטאָרן צו באַקלערן, וואָס מע קאָן דאָ טאָן. האָבן זיי געקלערט און געקלערט, ביז זיי זײַנען געפֿאַלן אַף דעם זעלביקן שׂכל, אַז אין דעם שטעקט עפּעס אַ קונצשטיק פֿון אַ געשײַטן גנבֿ. „אָבער דורך וואַנען קומט ער אַרײַן, אָט דער דאָזיקער גנבֿ?“ האָט דער קייסער געפֿרעגט. — „דאָס ווייסן מיר נישט, האָט דער עלטסטער פֿון די מיניסטאָרן געענטפֿערט, ס'איז אָבער פֿאַראַן אַן עצה: אַזוי ווי דער שאַצקאַמער איז אומעטום פֿאַרמאַכט, זאָל מען אייַנעווייניק אָנלייגן אַ סך טרוקענע שטרוי און דאָס אונטערצינדן. וועט מען זען, דורך וואַנען דער רויך גייט אַרויס, דורך דאַנען קומט דער גנבֿ אַרײַן.“ איז די עצה דעם קייסער געפֿעלן געוואָרן, האָט ער געהייסן אַזוי טאָן. האָט מען אָנגעצונדן אין שאַצקאַמער אַ סך טרוקענע שטרוי, איז דער רויך אַרויס דורך די שפּאַלטן צווישן דעם שטיין וואָס איז נישט געווען פֿאַרצעמענטעוועט. אַ כּלל, האָט מען שוין געוווּסט, דורך וואַנען דער גנבֿ קומט אַרײַן. אָבער ווי אַזוי כאַפּט מען אים? — האָט דער מיניסטער ווידער געגעבן אַן עצה, אַז מע

זאָל אַוועקשטעלן אַ פֿאַס מיט פעך לעבן אָרט, ווו דער שטיין נעמט זיך אַרויס, און ווי דער גנבֿ וועט אַרײַן און זיך וועלן אַראָפּלאָזן אַף דער פּאָדלאָגע, וועט ער גלײַך אַרײַנפֿאַלן אין דעם פֿאַס מיט פעך און וועט נישט קאָנען אַרויס, און אַזוי וועט מען אים כאַפּן. האָט דער קייסער געהייסן אַזוי טאָן.

אָבער דער געשײַטער גנבֿ מיטן פּאָדריאַטשיק האָבן פֿון גאָרנישט ניט געוווּסט. זײַנען זיי זיך געגאַנגען, ווי אַלע מאָל, אין אַ פֿינצטערער נאַכט אַרויסלאַטכענען עפּעס פֿון קייסערס אוצרות. איז אָבער דעם מאָל געראָד אויסגעפֿאַלן אַפֿן פּאָדריאַטשיק אַרײַנצוקריכן אינעווייניק. איז ער אַרײַן, און דער געשײַטער גנבֿ האָט געוואַרט אין דרויסן. ער וואַרט און וואַרט, דער פּאָדריאַטשיק ווײַזט זיך נישט. טראַכט ער זיך: „וואָס קאָן דאָ זײַן?“ מיט אַ מאָל דערהערט ער, מע שרײַט פֿאַרשטיקט: „ראַטעווע! ראַטעווע!“ האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס אַ צרה. נעמט ער און קריכט אַרײַן אינעווייניק. ער גיט אַ קוק, דער פּאָדריאַטשיק שטעקט אין אַ פֿאַס מיט פעך ביז צום האַלדז. פּרובירט ער אים אַרויסשלעפּן — ער גייט נישט. פּרובירט ער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל — עס רירט זיך נישט פֿון אָרט. טראַכט ער זיך: „וואָס זאָל איך דאָ טאָן? זאָל איך אַנטלויפֿן און אים דאָ איבערלאָזן? וועט מען אים דערקענען, וועל איך אויך אַרײַנפֿאַלן. זאָל איך אים ווידער פּרובירן ראַטעווען, אַרויסשלעפּן פֿון דעם פעך? איז דאָ צו ווייניק צײַט, אימעצער קאָן נאָך אָנקומען, בין איך אויך אַ פֿאַרפֿאַלענער.“ טראַכט ער אַ ווײַלע, טראַכט ער און כאַפּט אַרויס זײַן שווערד און האַקט אים אַראָפּ די קאָפּ: „איצטער, זאָגט ער, וועט ער שוין נישט קאָנען אויסזאָגן“. און ער כאַפּט די קאָפּ, לויפֿט ערגעץ דערמיט אַוועק און באַגראָבט איר אין דער ערד.

אין דער היים האָט ער דעם פּאָדריאַטשיקס ווײַב געזאָגט, אַז איר מאַן איז ערגעץ ווו אַוועקגעפֿאָרן, ער וועט קומען צוריק אין אַ פּאָר טעג אַרום. האָט זי אים געגלייבט. בקיצור, אַף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען דער אויפֿזעער פֿון שאַצקאַמער האָט

געפֿונען אין פֿאַס אַ מענטשן אָן אַ קאָפּ, האָט ער דאָס תּיכּף געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער אַראָפּגעקומען מיט זײַן גאַנצער סוויטע, האָבן זיי באַטראַכט דעם טויטן קערפּער פֿון אַלע זײַטן, אָבער אָן אַ קאָפּ האָט אים קיינער נישט געקאָנט דערקענען. האָט דער קייסער געהייסן, מע זאָל דעם קערפּער אופֿהענגען אַף אַ מויער אין מיטן שטאָט, און ווער עס וועט פֿאַרבײַגיין און וועט אָנהייבן צו וויינען אָדער אַזוי מאַכן אַ טרויעריקע מינע, זאָל מען אים באַלד אַרעסטירן, וועט מען פֿון דעם שוין קאָנען דערגיין, ווער דער גנבֿ איז און ווער ס׳האָט אים אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. האָט מען אַזוי געטאָן.

דערווײַלע איז אָבער דעם פּאָדריאַטשיקס ווײַב זייער אומרויִק געוואָרן, וואָס איר מאַן איז נאָך נישט געקומען אַהיים. האָט זי אָנגעהויבן וויינען: „ווו איז מײַן מאַן? ווו איז מײַן מאַן?“ און זי האָט שוין געוואָלט אַרויס אין גאַס זוכן אים. האָט דער געשײַטער גנבֿ געזען, אַז עס האַלט שמאָל, האָט ער זיך בײַ איר קאַם אײַנגעבעטן, אַז זי זאָל בלײַבן אין דער היים און ער אַליין וועט גיין אופֿזוכן איר מאַן. איז ער אַרויס אין גאַס פּלומרשט אים אופֿזוכן. גייט ער אַזוי און טראַכט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן. מיט אַ מאָל דערזעט ער, ווי עס הענגט אַראָפּ פֿון אַ שטריק דעם פּאָדריאַטשיקס קערפּער, און דרײַ סאָלדאַטן שטייען דערבײַ און קוקן אַף יעדן איינעם וואָס גייט פֿאַרבײַ. האָט ער זיך געמאַכט קילעיאָדע* און איז זיך פֿאַרבײַגעגאַנגען, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען דאָס. אָבער בײַ נאַכט, ווען אַלע זײַנען שוין געשלאָפֿן, האָט ער זיך איבערגעטאָן אין צעריסענע קליידער, אַרויסגענומען פֿון שאַפֿע דרײַ פֿלעשער ווײַן און האָט זיי צורעכטגעמאַכט מיט אַ שטאַרקן שלאָפֿגעטראַנק און איז צוריק אַוועק צום אָרט, ווו די סאָלדאַטן זײַנען געשטאַנען. ווען ער איז צוגעקומען נעענטער צו זיי, האָט ער פּלומרשט אָנגעהויבן צו וואַקלען זיך ווי

---

* = פּלא־ידע.

אַ שיכּור וואָס קאָן זיך נישט האַלטן אַף די פֿיס. אַז די סאָלדאַטן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לאַכן און מאַכן חוזק: „היי, דו שיכּור! וואָס גייסטו נישט אַהיים שלאָפֿן? האָסט דאָך שוין אין קעפּל מער ווי אין פֿלעשל!" האָט ער זיך געמאַכט תּמעוואַטע און האָט פּאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט די דרײַ פֿלעשער ווײַן פֿון די קעשענעס און האָט זיי געגומען באַקוקן. אַז די סאָלדאַטן האָבן דערזען די פֿלעשער מיט ווײַן, איז זיי געקומען די סלינע אין מויל אַרײַן. האָבן זיי ווידער חוזק געמאַכט: „היי, דו שיכּור, האָסט דאָך לײדיקע פֿלעשער, אַליין אויסגעטרונקען אין גאַנצן!" האָט ער זיך אַלץ געוואַקלט אַהין און אַהער און איבערגעחזרט: „אין גאַנצן... אויסגעטרונקען... ליידיקע... פֿלעשער...? טאָ נאַט זשע אײַך אַ־ווע־קעט!" די סאָלדאַטן האָבן אַ כאַפּ געטאָן די דרײַ פֿלעשער ווײַן, אויסגעליאָקטשעט ביז צום דעק און זײַנען באַלד אַנידערגעפֿאַלן ווי די סנאָפּעס. און ווי ער האָט דאָס דערזען, האָט ער גלײַך איבערגעשניטן די שטריק, געכאַפּט דעם טויטן פּאָדריאַטשיק אין אַ זאַק און אַנטלאָפֿן מיט אים אַהיים.

אַף מאָרגן אין דער פֿרי האָט מען געמאָלדן צום קייסער, אַז מען האָט צוגעגנבֿעט דעם טויטן קערפּער און די דרײַ סאָלדאַטן וואָס האָבן אים געהיט האָט מען געפֿונען שלאָפֿן ווי דערהרגעטע. האָט שוין דער קייסער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אַרבעט פֿון דעם זעלביקן געשײַטן גנבֿ. האָט ער געזאָגט: „דער גנבֿ מוז געכאַפּט ווערן, וואָס דאָס זאָל נישט קאָסטן!" האָט ער געהייסן אויסרופֿן אין שטאָט צו אַלע אײַנוווינער, אַז זיי זאָלן קומען צום באַל וואָס ווערט געמאַכט אין דעם קייסערס פּאַלעץ, און אויב אימעצער וועט זיך דערוועגן אויסנבלײַבן, וועט מען אים אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה. האָט שוין דער גנבֿ קיין ברירה נישט געהאַט, איז ער אויך געקומען צום באַל, אָבער ווי ער איז נאָר אַרײַן אין דעם קייסערס פּאַלעץ און האָט דערזען, ווי עס ליגן עפּעס גאָלדענע רענדלעך אַף דער פּאָדלאָגע, האָט אים גענומען בײַסן אין די הענט, און ער האָט זיך שיר נישט געוואָלט אײַנבייגן און עפּעס צולאַטכענען, נאָר ער האָט

זיך אײַנגעהאַלטן, ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען װיל אים אָף אַזאַ אופֿן כאַפּן. „נו, אויב אַזוי, טראַכט ער זיך, װעל איך אײַך שוין אָפּטאָן אַ בעסערע שטוקע“. איז ער אַרויס אין גאַס, געקראָגן ערגעץ אַ שטיק פּעך און האָט זיך דערמיט אָנגעשמירט די פּאָדעשװעס פֿון זײַנע שיך און איז צוריק אַרײַן אינעװײניק און האָט זיך אויסגעמישט מיטן עולם. דערװײַלע האָט ער אַרופֿגעטראָטן אַף די גאָלדענע רענדלעך װאָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זײַנע שיך און ער האָט זיך אַדורכגעדרייט דורך אַ טיר און איז אַװעק אַהיים. האָט מען באַלד באַמערקט, אַז עס פֿעלן אַ סך רענדלעך, אָבער מען האָט נישט געזען, אַז אימעצער זאָל זיך אײַנבייגן און זיי אופֿהייבן. אָבער דער קייסער האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אַרבעט פֿונעם געשײַטן גנבֿ, איז ער געװאָרן אין כּעס און האָט געזאָגט: „עס מעג דונערן און בליצן, דעם גנבֿ מוז איך כאַפּן!“ און האָט באַלד געלאָזט אויסרופֿן: אַז װער ס׳װעט קאָנען אַראָפּגנבֿענען פֿון דעם קייסערס טאָכטער דעם דימענטענעם האַלדזבאַנד װאָס זי טראָגט אַפֿן האַלדז, דער װעט איר באַקומען פֿאַר אַ װײַב און נאָך אַ האַלבע מלוכה דערצו. און דערװײַלע האָט דער קייסער באַשטיקע * געהייסן אויסגראָבן אַ טיפֿע גרוב אַרום און אַרום דעם פּאַלעץ, און דערנאָך זאָל מען די גרוב פֿאַרדעקן מיט דינינקע ברעטלעך און פֿון אויבן באַשיטן מיט שטרוי און מיט גראָז, אַז מע זאָל גאָרנישט דערקענען. האָט מען אַזוי געטאָן.

אָבער אַז דער גנבֿ האָט דערהערט דעם קייסערס באַפֿעל, האָט ער געלאַכט: „אויך מיר אַ קונץ, אַראָפּצוגנבֿענען בײַ דער פּרינצעסין דעם האַלדזבאַנד! כ׳האָב שוין באַװיזן גרעסערע קונצן!“ און אַזוי איז ער איין מאָל אין אַ פֿינצטערער נאַכט אַװעק צום פּאַלעץ, װוּ די פּרינצעסין האָט געװוינט. אָבער אַז ער איז צו־געקומען גאָר נאָענט, האָט זיך די ערד אונטער זײַנע פֿיס פּלוצלינג אײַנגעבראָכן, און ער איז מיט אַ קנאַק אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן

---

* = בשתיקה.

גרוב. „איי שלעכט, טראַכט ער זיך, אָט איצטער האָט מען מיך געפּאַקט!“ אָבער אַ געשייטער יונג איז ער געווען, האָט ער באַלד זיך געגעבן אַן עצה. ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פּאָר שוועבעלעך, האָט זיי געגעבן אַ רייב אָן – און ס׳האָט זיך אונטער־געצונדן מיט אַ מאָל די שטרוי מיט בעטלעך, און ס׳איז געוואָרן אַן אמתע שׂרפֿה. האָבן די שומרים דערזען, אַז אַרום דעם פּאַלעץ ברענט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קלינגען אין די גלאָקן און שרייען: „פֿייער!“ זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿן די מענטשן פֿון שטאָט צו ראַטעווען דער פּרינצעסין, און לויפֿנדיק אַזוי צום פּאַלעץ זיינען זיי אַלע אַריינגעפֿאַלן אין גרוב. ווי דער קייסער האָט דאָס דערזען, האָט ער געגעבן אַ באַפֿעל, אַז מען זאָל אַלע מענטשן אַרויסנעמען פֿון גרוב, האָט מען זיי אַלעמען אַרויסגענומען, איז דער גנבֿ אויך געווען צווישן זיי. דערווייַלע האָט ער זיך אין דער סומאַטאָכע געגעבן אַ דריי אויס, איז אַריין אין פּאַלעץ און אין איינס־צוויי האָט ער שוין געהאַט ביי זיך דער פּרינצעסינס האַלדזבאַנד און איז דערמיט אַוועק אַהיים.

בקיצור, דער קייסער האָט געזען, אַז ער האָט נאָך ערגער געמאַכט: נישט גענוג, וואָס ער האָט דעם גנבֿ נישט געכאַפּט, וועט ער אים נאָך אפֿשר דאַרפֿן אַוועקגעבן די פּרינצעסין פֿאַר אַ ווייב און אַ האַלבע מלוכה דערצו, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט. „ניין, צו דעם וועט עס נישט קומען“, האָט זיך דער קייסער געטראַכט. און ווי ער טראַכט אַזוי, האָט אַ באַדינער געמאָלדן, אַז דער גנבֿ איז אַליין געקומען אין פּאַלעץ און וויל ריידן מיטן קייסער. האָט דער קייסער אים געהייסן אַריינלאָזן. און ווי ער איז אַריין, האָט ער זיך געבוקט פֿאַרן קייסער און געזאָגט: „אַדוני קעניג! איך בין דאָס דער גנבֿ וואָס האָט אָפּגעטאָן די אַלע שטוקעס און בין געקומען מאָנען, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט“. – „גיב מיר עפּעס אַ סימן!“ זאָגט דער קייסער. נעמט דער גנבֿ און שיט אַרויס אויפֿן טיש אַלע רענדלעך מיט דעם דימענטענעם האַלדזבאַנד וואָס ער האָט צו־געגנבֿעט פֿון דער פּרינצעסין. האָט דער קייסער געזען, אַז דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער חבֿרה־מאַן, זאָגט ער צו אים אַזוי: „הער

זיך איַין, יונגער־מאַן, דאָס וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט צו געבן מײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב איז טאַקע גאַנץ ריכטיק. כ׳האָב אָבער בעת־מעשׂה פֿאַרגעסן צו לאָזן אויסרופֿן נאָך דרײַ זאַכן וואָס דו וועסט מוזן דורכפֿירן.״ —„וואָס זײַנען דאָס פֿאַר אַ זאַכן?״ פֿרעגט דער גנבֿ. —„אָט וועל איך דיר אויסרעכענען, זאָגט דער קייסער: ערשטנס מוזסטו איבערנעכטיקן אַ נאַכט מיט אַ ווילדן בער אַליין אין אַ חדר. צווייטנס וועסטו מוזן דרײַ טעג נאָך אַנאַנד פֿיטערן צען ווילדע האָזן אַפֿן פֿרײַען פֿעלד, און אַלע פֿאַרנאַכט זאָלסטו זיי צוריקברענגען אין פּאַלעץ, און קיין איינציקער זאָל נישט פֿעלן. און דריטנס וועסטו מוזן אָנריידן דרײַ לעכערדיקע זעק פֿול מיט רייד. איז אויב דו וועסט באַווײַזן דעם קונץ דורכצופֿירן די אַלע דרײַ זאַכן, איז גוט, וועל איך האַלטן מײַן צוזאָג; און אויב דו וועסט נאָר איין זאַך נישט ריכטיק דורכפֿירן, וועל איך דיר באַשטראָפֿן מיטן טויט.״ אַז דער גנבֿ האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבן צו שוויצן. האָט ער געבעטן בײַם קייסער, ער זאָל אים כאָטש געבן צען טעג צײַט, זיך צוצוגרייטן, האָט ער אים געגעבן. דער קייסער האָט סײַ ווי סײַ געוווּסט, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ מענטש אַף דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען דורכפֿירן די אַלע זאַכן.

איז דער געשײַטער גנבֿ אַוועק אין פֿעלד, האָט זיך אַנידער־געזעצט אַף אַ שטיין און גענומען טראַכטן, וואָס ער זאָל דאָ טאָן. מילא, די ערשטע פּאָר טעג האָט ער זיך געטרייסט, אַז ער האָט נאָך גענוג צײַט, אַז ער וועט נאָך געפֿינען אַ מיטל, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פֿון טויט. אָבער אַז עס איז געקומען דער לעצטער טאָג און קיין מיטל האָט ער נישט געפֿונען, איז ער געוואָרן טרויעריק און האָט אָנגעהויבן באַקלאָגן זײַן ביטערן מזל. און אַזוי ווי ער זיצט אַזוי און קלאָגט, קומט אָן פֿלוצלינג אַן אַלטע באָבעצע מיט אַ זעקל אַפֿן פּלייצע, שטעלט זיך אָפּ און פֿרעגט אים, וואָס ער וויינט. ווערט ער אין כּעס און גיט אַ געשריי: „טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען, דו אַלטע מכשפֿה, איך קאָן נישט קוקן אין דײַן מיאוסער צורה!״ זאָגט זי צו אים מיט גוטן: „שאַ, בייזער זיך נישט, מײַן

זון, זאָג מיר בעסער, וואָס דיר פֿעלט, אפֿשר וועל איך דיר קאָנען העלפֿן". זעט ער, אַז ער וועט זיך שוין פֿון איר נישט קאָנען אָפּ־טשעפּענען און סײַ ווי סײַ האָט ער שוין נישט וואָס אָנצוּווערן, דערציילט ער איר די גאַנצע מעשׂה. זאָגט זי גאָרנישט, נעמט אַראָפּ דעם זעקל פֿון פּלייצע און הייבט אָן זוכן אין אירע טראַנטעס. האָט זי געזוכט און געזוכט, ביז זי האָט געפֿונען אַ קליינע פֿידעלע. נעמט זי דאָס אַרויס און זאָגט: „הער זיך אײַן, מײַן זון, אָט גיב איך דיר אַ פֿידעלע. און אַז דער קייסער וועט דיר פֿאַרשפּאַרן מיט אַ ווילדן בער אין אַ באַזונדערן חדר, זאָלסטו גלײַך אַרויסנעמען די פֿידעלע און טאָן אַ שפּיל, וועט דער בער גלײַך אַנטשלאָפֿן ווערן." דערנאָך האָט זי ווידער געזוכט אין אירע טראַנטעס, געזוכט און געזוכט, ביז זי האָט געפֿונען אַ פֿײַפֿעלע. נעמט זי דאָס אַרויס און זאָגט: „הער זיך אײַן, מײַן זון, אָט גיב איך דיר אַ פֿײַפֿעלע. און אַז דער קייסער וועט דיר שיקן אין פֿעלד צו פּיטערן די צען ווילדע האָזן, זאָלסטו זיך גאָרנישט זאָרגן, אַז זיי וועלן אַנטלויפֿן; נאָר אַז דו וועסט דאַרפֿן גיין צוריק אין פּאַלאַץ, זאָלסטו אַרויס־נעמען די פֿײַפֿעלע און געבן אַ פֿײַף, וועלן זיי אַלע קומען צו לויפֿן צוריק." און אַז זי האָט דאָס אָפּגעזאָגט, נעמט זי דעם זעקל אַף פּלייצע און וויל שוין אַוועקגיין, פֿאַרהאַלט ער איר און פֿרעגט: „נו, און וואָס זאָל איך טאָן מיט די דרײַ לעכערדיקע זעק?" — „דאָס ווייס איך נישט, זאָגט זי, דו וועסט זיך שוין אַליין אַן עצה געבן", און זי איז פֿאַרשוווּנדן.

האָט ער גענומען די פֿידעלע מיט דעם פֿײַפֿעלע און באַ־האַלטן אין בוזעם. דערנאָך איז ער אַוועק צום קייסער און האָט געזאָגט: „אַדוני קעניג, איך בין שוין פֿאַרטיק דורכצופֿירן די דרײַ זאַכן". זאָגט דער קייסער: „גוט, מיר וועלן זען". נו, האָט מען דעם יונג פֿאַרשפּאַרט מיט אַ ווילדן בער אין אַ באַזונדערן חדר, און ווי נאָר דער בער האָט דערשמעקט מענטשנפֿלייש, האָט ער אָנגעהויבן צו ברומען און האָט שוין געוואָלט אַף אים אַרופֿפֿאַלן. כאַפּט ער אַרויס די פֿידעלע פֿון בוזעם און הייבט אָן שפּילן. איז

ווי נאָר דער בער האָט דערהערט דעם ניגון, איז ער באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אין דער פֿרי האָט דער קייסער געשיקט אַ באַדינער אַ קוק טאָן, צי דער גנבֿ לעבט נאָך, האָט ער אים גאָר געפֿונען שפּילנדיק אויפֿן פֿידעלע און דעם בער אַ שלאָפֿנדיקן.

אויפֿן אַנדערן טאָג האָט מען אים אַוועקגעשיקט מיט צען ווילדע האָזן צו פּיטערן זיי אויפֿן פֿרייען פֿעלד. אָבער דער קייסער האָט שוין אָנגעהויבן אַ ביסל זיך צו שרעקן, טאָמער וועט דער דאָזיקער חבֿרה־מאַן די אַנדערע זאַכן אויך דורכפֿירן, האָט ער זיך איבער־געטאָן אין אַנדערע קליידער און איז אַוועק אין פֿעלד זען, וואָס דאָרט טוט זיך. ער קומט צו, זעט ער, ווי דער יונג ליגט זיך צעשפּרייט אויפֿן גראָז, פֿייַפֿט זיך אויף אַ פֿייַפֿעלע, און די צען האָזן שפּילן זיך אַרום אים. פֿרעגט אים דער קייסער: „מיט וואָס פֿאַר אַ מיטל האַלטסטו אַרום זיך אַזעלכע צען ווילדע האָזן, וואָס אַז זיי דערהערן דעם קלענסטן שאָרך, דערשרעקן זיי זיך און אַנטלויפֿן?“ — „איך טאָר עס דיר נישט אויסזאָגן, זאָגט דער יונג, דאָס איז אַ סוד פֿאַר מיר אַליין“. — „מילא, נישט איז נישט“, מאַכט דער קייסער און מיינט, אַז דער חבֿרה־מאַן האָט אים נישט דערקענט. דערנאָך זאָגט ער צו אים: „אפֿשר קאָנסטו מיר פֿאַרקויפֿן אַ האָז?“ — „דאָס אויך נישט, זאָגט דער יונג, אַז איך זאָל דיר איצטער פֿאַרקויפֿן אַ האָז, וועל איך דערנאָך בלייַבן אָן אַ קאָפּ. נאָר ס׳וואָלט אַלץ כּדאַי געווען, ווען דו וואָלטסט זיך אויסגעטאָן און געטאַנצט פֿאַר מיר נאַקעטערהייט, וואָלט איך דיר געגעבן אַ האָז אומזיסט.“ דעם קייסער האָט עס אַפֿילו גאָרנישט געשמעקט, נאָר ער האָט זיך באַרעכנט: „איידער צו דאַרפֿן שפּעטער אָפּגעבן מייַן טאָכטער צו אַ גנבֿ פֿאַר אַ ווייַב, איז גלייַכער בייַ צייַטנס פֿון אים פּטור צו ווערן“. האָט ער זיך אויסגעטאָן נאַקעט און געטאַנצט. און אַז ער האָט אָפּגעטאַנצט, האָט אים דער יונג געגעבן אַ האָז. האָט דער קייסער געכאַפּט דעם האָז און מיט אַ שׂימחה אַנטלאָפֿן אַהיים. אָבער פֿאַר נאַכט, ווען דער יונג האָט זיך באַדאַרפֿט מעלדן אין פּאַלעץ מיט די צען האָזן, האָט ער אַרויסגענומען זייַן פֿייַפֿעלע און געגעבן

אַ פֿײַף – איז דער האָז געקומען צו פֿליִען צוריק. און אַזוי האָט ער צוריקגעבראַכט אין פּאַלעץ אַלע צען האָזן. אַפֿן צווייטן טאָג איז אונטערגעקומען די קייסערינע אויסנאַרן בײַ אים אַ האָז. זאָגט זי צו אים: „איך מאַך הײַנט אַ באַל פֿאַר גרויסע לײַט, וויל איך זיי ווײַזן, וואָס פֿאַר אַ שיינע האָזן מיר האָבן. פֿאַרקויף מיר איינעם!" — „אַז איך וועל דיר איצטער פֿאַרקויפֿן אַ האָז, זאָגט ער, וועל איך דערנאָך בלײַבן אָן אַ קאָפּ. נאָר ס'וואָלט אַלץ כּדאַי געווען, ווען דו וואָלטסט זיך אויסגעטאָן און געטאַנצט פֿאַר מיר נאַקעטערהייט, וואָלט איך דיר געגעבן אַ האָז אומזיסט". דער קייסערינע האָט דאָס גאָרנישט געשמעקט, נאָר זי האָט זיך באַרעכנט: „איידער צו דאַרפֿן שפּעטער אָפּגעבן מײַן טאָכטער צו אַ גנבֿ פֿאַר אַ ווײַב, איז גלײַכער בײַ צײַטנס פֿון אים פּטור צו ווערן". האָט זי זיך אויסגעטאָן נאַקעט און געטאַנצט. האָט ער איר געגעבן אַ האָז. האָט זי געכאַפּט דעם האָז און איז מיט אַ שימחה אַנטלאָפֿן אַהיים. אָבער פֿאַר נאַכט, ווען ער האָט זיך ווידער געדאַרפֿט מעלדן אין פּאַלעץ מיט די האָזן, האָט ער אַרויסגענומען זײַן פֿײַפֿעלע און געגעבן אַ פֿײַף, איז דער האָז געקומען צו פֿליִען צוריק. און אַזוי האָט ער ווידער צוריקגעבראַכט אין פּאַלעץ אַלע צען האָזן. אַפֿן דריטן טאָג איז געקומען די פּרינצעסין אויסנאַרן בײַ אים אַ האָז, האָט זי אויך אַזוי געמוזט טאַנצן, ווי דער קייסער און ווי די קייסערינע, איידער ער האָט איר געגעבן אַ האָז וואָס איז דערנאָך געקומען צו פֿליִען צוריק, ווי נאָר ער האָט געטאָן אַ פֿײַף מיט זײַן פֿײַפֿעלע. און אַזוי האָט ער זיך צום דריטן מאָל געמעלדן מיט אַלע צען האָזן אין קייסערס פּאַלעץ.

קורץ, אַז דער קייסער האָט געזען, וואָס פֿאַר אַ וווּנדער דער יונג האָט באַוויזן, האָט ער אים שוין נישט געהאַלטן פֿאַר אַ גנבֿ, נאָר עפּעס פֿאַר אַ וווּנדערלעכן מענטשן. דערפֿאַר האָט ער שוין צו דער דריטער פּראָבע געמאַכט אַ גרויסאַרטיקן באַל, האָט פֿאַרבעטן אַלע מיניסטאָרן און אַלע גרויסע לײַט פֿון זײַן מדינה, זיי זאָלן קומען זיך משמח זײַן און דערצו נאָך זען דעם גרעסטן

וווּנדער אַף דער וועלט, ווי איינער וועט אָנריידן דרײַ לעכערדיקע זעק פֿול מיט רייד. זײַנען טאַקע אַלע געקומען זען די ווונדער. האָט זיך פֿריִער אָנגעהויבן אַ סעודה מיט עסן און מיט טרינקען, און אין מיטן דערינען האָבן דרײַ אָפֿיצירן אַרײַנגעבראַכט אַ גרויסן זאַק וואָס איז געווען פֿול מיט לעכער און האָבן זיך אַנידער- געשטעלט אין מיטן זאַל. האָט דער קייסער געטאָן אַ ווונק, איז דער יונג צוגעגאַנגען און גענומען אַרײַנריידן אין זאַק וואָס די אָפֿיצירן האָבן געהאַלטן אַ ביסל אָפֿן. האָט ער גערעדט און גערעדט פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער. ער האָט דערציילט מעשׂהלעך, געזאָגט וויצן, אָבער דער זאַק איז געבליבן ליידיק, מען האָט אַפֿילו נישט באַמערקט, ער זאָל זיך כאָטשבי אַ ביסל אָנבלאָזן. האָט ער ווײַטער גערעדט, דערציילט מעשׂיות, ביז ער האָט אָנגעהויבן דערציילן די מעשׂה, ווי ער איז געזעסן אין פֿעלד און האָט געהיט צען ווילדע האָזן: „...איז געקומען דער קייסער און געבעטן, כ׳זאָל אים פֿאַרקויפֿן אַ האָז. האָב איך געזאָגט, אַז ער וועט זיך אויסטאָן און טאַנצן פֿאַר מיר נאַקעטערהייט, וועל איך אים געבן אַ האָז. האָט ער זיך אויסגעטאָן נאַק...״ „סטוי! האָט דער קייסער אַ געשריי געטאָן, פֿאַרבינדט דעם זאַק, דער זאַק איז שוין פֿול!״ האָבן די אָפֿיצירן באַלד פֿאַרבונדן דעם זאַק און אַרײַנגעבראַכט דעם צווייטן. האָט דער יונג ווידער גענומען אַרײַנריידן אין צווייטן זאַק. האָט ער גערעדט און גערעדט פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער: געזאָגט וויצן, דערציילט מעשׂהלעך, ביז ער איז אַרופֿגעקומען אַף דער מעשׂה, ווי ער איז געזעסן אין פֿעלד און האָט געהיט צען ווילדע האָזן: „...איז געקומען די קייסערינע און האָט מיר געבעטן, כ׳זאָל איר פֿאַרקויפֿן אַ האָז. האָב איך געזאָגט, אַז זי וועט זיך אויסטאָן און טאַנצן פֿאַר מיר נאַקעטערהייטן וועל איך איר געבן אַ האָז. האָט זי זיך אויסגעטאָן נאַק...״ —, „סטוי! האָט דער קייסער אַ געשריי געטאָן, פֿאַרבינדט דעם זאַק. דער זאַק איז שוין פֿול!״ האָבן די אָפֿיצירן באַלד פֿאַרבונדן דעם זאַק און אַרײַנגעבראַכט דעם דריטן. האָט דער יונג ווידער

געגומען אַרײַנגרײדן אין דריטן זאַק. האָט ער גערעדט און גערעדט און דערציילט מעשהלעך אַזוי ווי פֿריִער, נאָר ווי ער האָט גענומען דערציילן פֿון דער פּרינצעסין, ווי אַזוי זי האָט זיך גענומען אויסטאָן, האָט דער קייסער ווידער אַ געשריי געטאָן: „סטוי! פֿאַרבינדט דעם זאַק, דער זאַק איז שוין פֿול!“ און אַז די אָפֿיצירן האָבן שוין געהאַט פֿאַרבונדן דעם דריטן זאַק, איז דער קייסער צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט: „איצטער זע איך טאַקע, אַז דו ביסט נישט קיין גנבֿ, נאָר אַ װוּנדערלעכער מאַן און אַ גרויסער חכם דערצו. כ'גיב דיר דערפֿאַר מײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב און אַ האַלבע מלוכה אין נדן.“ — „און איצטער, רופֿט זיך אָפּ דער יונג, דער פֿאַר־שטעלטער פּרינץ, וועל איך אײַך אויסזאָגן דעם סוד — איך בין אַ קייסערס אַ זון!“

נו־נו, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן, פֿרעגט שוין נישט. די שׂימחה האָט זיך אָנגעהויבן איבער אַ נײַס, מ'האָט געטרונקען און געגעסן — נאָר אָן אונדז האָט מען פֿאַרגעסן.